STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04463

GEZEGENUNG

Kalman Segal

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קלמן סעגאל

געזעגענונג

לידער

ירושלים תשל״ט

מיט דער הילף פון קרן תל-אביב לספרות ולאמנות,
פון פינעס-פֿאָנד און פון יידישן שרייבער-פֿאַרבאַנד.

©
כל הזכויות שמורות

נדפס בדפוס צור-אות, ירושלים
תשל"ט

1946

כ׳האָב ווידער געזען מיין אַלטע היים
מיט ווילדן וויין באַוואַקסן
מיט זון באַשיינט

אין אַלע פֿענצטער זענען גאַנץ די שויבן
און אַלע שינדלען זענען דאָ אין דאַך
ס׳בליען געל און רויט די רויזן
ס׳וואָרקען ערגעץ מיינע טויבן
מיינע טויבן אויפֿן דאַך

נאָר ס׳איז די שטוב פֿאַרמאַכט

אין קרומען שפּיגל פֿון די שויבן
זשומען פֿליגן
אין דינע נעצן פֿון שפּינען
צו בלויע הימלען
צו הימלען בלויע

און אין דעם פֿענצטער שטייט אַ לץ
און לאַכט פֿון מיר
און פֿון מיין טרויער

כ׳האָב זיך פֿאַרשעמט פֿאַרשעמט
עס האָט אַ ווייטיק מיך געקלעמט,
געדריקט
טרערן האָבן מיך געשטיקט

נאָר איין גרינע לאָנקע שווייגט מיט קימל
דער גאָרטן — מיט זשאַסמין
און ס׳לעכערט דורך מיין בליק עקשנותדיק דעם הימל
זאָל איך גיין ?

ווהין

דער יורש

פֿון טרעפּטשע און דאָברע די יידישע פּויערים
פֿון פּוילישע דערפֿער די יידן גיבורים
מיט ציבעקעס לאַנגע צווישן די ציינער —
געאַקערט, געזייעט, אין וואַלד געהאַקט ביימער
אין פּוילישע דערפֿער זינט דורות געזעסן
און ווינטער-צייט האָבערנע פּלעצלעך געגעסן —
ווי ליב איך דערמאָן זיי

די מעזשעס און סטעזשקעס, די דאָרפֿישע וועגן
פֿאַרגרויטע פֿון פּראָכן, צעווייקטע פֿון רעגן
די כאַטעס פֿאַרהויקערט, מיט שטרויען באַדעקטע
דעם כריסטאָס ביים וועג מיט די הענט אויסגעשטרעקטע
די דאָרפֿישע עולן און יינגלשע זאָרגן —
איך טראָג זיי נאָך אַלץ אין מיין האַרצן פֿאַרבאָרגן

די שטיבער אָן קוימענס, די אַלקערס אָן דילן
אין קרייז פֿון דעם נאַפֿט-לאָמפּ די אָוונטן שטילע
קאַרטאָפּל געקאָכטע אין שאָלעכץ-מונדירן
די מאַמע, זי פּלעגט זיי מיט זאַלץ אונדז סערווירן
און שטיל מיט אַ שמייכל אונדז צורעדן עסן —
ווי קאָן מען דעם דאָזיקן שמייכל פֿאַרגעסן ?

די פּריינטשאַפּט די ערשטע מיט פּוילישע קינדער
כ׳געדענק זי ביז היינט נאָך, כ׳געדענק ביז אַצינדער
מיין ערשטער ראָמאַן, דער פֿאַרציטערט געהיימער
מיט זאָשיען דער טאָכטער פֿון אונדזערע שכנים
איר פֿאָטער געווען איז אַ פּריינט פֿון מיין טאַטן —
ווי קאָן מען אַזעלכע זכרונות פֿאַראַטן ?

דער נאַפּט-לאָמפּ פֿון אַלקער איז לאַנג שוין פֿאַרלאָשן
די היים האָט דער שונא מיט טאַנקען צעדראָשן
אַפֿילו די קברים אויף פֿעלדער צעגראָבן
דער ווינט האָט די אַשן צעזייט און צעטראָגן
פֿון יידן פֿון טרעפּטשע, פֿון דאָרפֿישע יידן
בין איך היינט דער איינציקער יורש פֿאַרבליבן

דער איינציקער יורש פֿאַרבליבן

ביי דער אַלטער ווינטמיל

דורך הויכע בערג, דורך ווי־סטעניש ער קלעטערט —
אַ בעטלער־זאַק אַ פּוסטער אויף זיין רוקן.
עס רוישן וועגן אים אין וואַלד די בלעטער:
ווער איז דער העלד, דער אומבאַקאַנטער זקן?

פֿון וועלכן לאַנד איז ער געקומען
און וועמען זוכן זיינע ברענענדיקע אויגן?
עס האָט אַמאָל געקלונגען ווי אַ גלאָק זיין נאָמען,
זיין רום געוועזן איז באַפֿליגלט און — איז אַוועקגעפֿלויגן.

און ס'זענען אויך פֿאַרביי די צייטן זיינע, זיין עפּאָכע,
און ער אַליין געבליבן איז פֿאַריתומט און פֿאַרגעסן.
ער זוכט די אָרעמס פֿון דער ווינטמיל, וואָס האָבן דאָ געפֿאָכעט
און די בת־מלכה, וואָס איז אין שלאָס ביים פֿענצטערל געזעסן.

ס'איז שטאַר די האַנט, וואָס איז אַמאָל געוועזן אומדערמידלער,
ווי פּאַרמעט געל זיין אויסטערליש געזיכט איז.
עס איז דער וועג צום לאַנד פֿון רויטע יידלער
פֿאַרוואַקסן שוין מיט ווילדגרעזער געדיכטע.

געפּגרט זענען אַלע פּיפּערנאָטערס, אַלע שדים.
סע שלאָפֿן שוין די רויטע יידלעך אין די קברים.
סענדערל-די-ווייב ווו איז? אין ליכטיקן גן-עדן.
און אויך סערוואַנטעס דאָן מיגועל, און מענדעלע
דער מוכר-ספֿרים.

בנימינס שאָטן אויף די אַלטע שליאַכן —
פֿון זיינע בלינדע אויגן פֿליסן הייסע טרערן,
בייזע שונאים זעען עס, שפּעטן זיי און לאַכן —
פֿריינדלעך טרייסט אים די לבנה און עס ווינקען שטערן.

וויטעבסקער רויזן

כ׳האָב געזען: מלאָכים זיצן אויף די דעכער
און טרייבן דאָרט רכילות, פּוצנדיק די פֿליגל —
אין וויטעבסק פֿלעגן זיי פֿליען אַ סך העכער
ווי איבער מיין גאַליציאַנער דאָרפּיש וויגל

און געווען איז דערביי שאַגאַל דער כישוף-מאַכער
און מאַנגער וואָס טרינקט אַ כוס היינט אין גן-עדן:
אַ טבע האָבן זיי געהאַט דורך טרערן לאַכן —
ווייסע ציגעלעך געצייכנט האָבןביידע

און געווען איז עס אַמאָל און ווייט פֿון דאַנעט
ביי שבת-ליכט, ביי ראָזשינקעס און מאַנדלען —
וויטעבסקער רויזן זענען היינט פֿאַרוויאַנעט
און עמיץ האָט די פּאַווע אין אַ קראָ פֿאַרוואַנדלט

האָב איך געזוכט מיין הימל אונטער כמאַרעס שוואַרצע
פּאַוועס גאָלדענע כ׳האָב נישט געקאָנט דערגרייכן
און שבת-ליכט וואָס פֿלעגן אַזוי האַרציק
דיך מאַמעניו, באַשיינען און דיין שמייכל

נאָר ס׳זענען וועלטן קאַלט געווען און האַרט די שוועלן
געשוויגן האָט צו מיר די גריל אין פֿרעמדן קוימען —
ביי מאַרק שאַגאַל האָב איך געוואָלט אַ טרוים באַשטעלן
און אינעם אַלטן חלום וווינען

אין אַ ווייטער שטאָט

אין שיין פֿון ערב-פֿרילינגדיקער זון
איך האָב מיך שיער נישט פֿאַרלוירן —
אין געסלעך אומבאַקאַנטע אַלטינקע און שמאָלע
איך זוך נאָך אַלץ די שפּורן פֿון מיין גורל

אין וואַלד איך זע דעם פֿויגל אין זיין נעסט,
כ׳פֿאַרשטיי דעם סוד פֿון שמעטערלינגען בלויע.
די וועלט: אַ זיסע היים פֿאַר יעדן נפֿש
— טוי און רעגן און גרינע שפּראָצונג פֿון דער רויערד

מיט אָרעמס אָפֿענע איך גיי פֿאָרויס;
צו ווענען בענק איך אין דער שעה, ווען רויזן בליען?
מיראַזשן — ווי לעבט מען אָן מיראַזשן?
געטרייסט זאָל זיין אַ יעדער יתום אין שעה פֿון שניידן
קריעה

אין אַ ווייטער שטאָט איך האָב געזוכט
מיין מאַמעס שטילן שאָטן ביי אַ יעדער מויער —
ווי קאָן דען זיין אַ שטאָט אָן יידישע מצבות,
אָן ראָזשינקעס מיט מאַנדלען און אָן מיין טרויער?

אויף אַ צווינטער קריסטלעכן געפֿונען האָב איך
מיין געביין —
ק ד י ש פֿליסטערט שטיל דער ווינט אין רעגן,
ר ע ק וו י ע ס ק אַ ט קרעכצט אַ מלאך מיט פֿאַרמאַכטע
אויגן,
צוויי פֿרעמדע תּפֿילות מיידן זיך און קומען ווידער זיך
אַנטקעגן

יאָרן-לאַנג שוין שטייט דער מאָנומענט אויס שטיין,
דער מגן-דוד אויפֿן צווינטער צווישן קרייצן —
ליבע פֿאַר די לעבעדיקע, רו פֿאַר אַלע טויטע
— וווּנדערבאַרע חכמה פֿון די מתים

ליבע פֿאַר די לעבעדיקע, אַזאַ זעלטן וואָרט —
און ס'רויטלט זיך די קאַלינע, מצבות דרימלען שטומע ;
ערגעץ קלינגען קלאַנגיק גלאָקן —
פ"נ איש בישראל מנחם בן בנימין

אַ בלויער חלום

ס׳האָט מיך אויפֿגעבראָכן אַ חלום בלויער
פֿון צייטן פֿאַרשטאַרבענע פֿאַרדאַרבענע
פֿון יאָרן נישט-געשטויגענע נישט-געפֿלויגענע
פֿאַרוואַקסענע מיט ווילדגראָז און טרויער

געווען איז נאַכט
מיט אַלע אירע רעקוויזיטן
האַרבסט
בלעטערפֿאַל
פֿאַרטרוקנטע באַגערן
אויף אַ לאָמער קליאַטשע מיין אומעט איז געריטן
דער הימל האָט געוויינט מיט שטערן ווי מיט טרערן

געווען איז דער אומרו מיינער בלינד
ווי דער טויט
נאָר פּלוצים כ׳האָב דערזען די ווייטע שטאָלצע טורעמס
פֿון יענעם שלאָס
וואָס כ׳האָב אַמאָל געבויט
אויס טינט
אויס שפּינוועבס
און אויס שוים
אַנטקעגן שטורעם

עס ווישט דער ווינט די קנייטשן מיר פֿון פּנים
כ׳האָב אויפֿגעהאָנגען אויף אַ בוים מיין האַרץ
וואָס ווי אַ שטיין היינט שווער איז

ווי אַ חציפֿה שמייכלט די לבנה
און שענקט מיר די שענסטע
פֿון די גרינע שטערן

וויגט מיין האַרץ זיך אויף דער ווערבע
און אַ וויגליד זינגט דער ווינט
אַלץ פֿאַרביי גייט
אַלץ איז שטערבלעך
נאָר זכרונות און דמיונות
זענען אייביק יונג

קומט אַנטקעגן מיר די מאַמע
אין תכריכים ווייסע
טראָגט אַ פֿולן פֿאַרטעך רויזן
בלוטיקע ווי פֿלאַמען

קוש איך אירע זיסע אויגן
אירע טרערן הייסע
מאַמע מאַמע מאַמע
שענק אַ טאָג אַ בלאָנדן
פֿון די קינדעריאָרן

זאָגט זי
קלמעניו מיין קינדלעב
וואָס איז מיט אונדז געשען
וואָס איז אויס אונדז געוואָרן

גייען מיר און שווייגן
זי און איך — זקנים
גריסן אונדז די ווערבעס
נאַקעט און אין טרויער

גייען מיר און וויינען
אָרעם און געבויגן

און דער חלום בלוי איז
נישט געשטויגן
נישט געפֿלויגן

ווינטערדיקער אָוונט

מיט בלומען פּראַסטיקע צעבליען זיך די שויבן
נאָר וואַרעם זענען אונדזער אַלקערס אַלטע ווענט
דאָס פֿייער בושעוועט אין אויוון
די מאַמע צירעוועט מיט ציטערנדיקע הענט
דער טאַטע זויגט דעם אַלטן וויינשל-ציבוק
אינדרויסן איז די נאַכט ווי טינט
ס'פּאַרמעסט זיך מיט דער וועלט דער ווינט
און ס'וויינט אין קוימען אַ פֿאַרליבטער דיבוק
דער זייגער אויף דער וואַנט פֿאַרטיילט די צייט אויף שעהן
דאָס פֿלעמעלע פֿון נאַפּט-לאָמפּ ציטערט און עס ציט דעם בליק

טרוימען טרוימען זיך נישט-דאַיק
וועגן שליאַכן, וועגן ליבעס, וועגן גליק —
זעגלען ווייסע, שיפֿן אויפֿן ים זיך טראָגן

און אין האַרץ איז בענגלעך באַנג
— שפּעט שוין — זאָגט דער טאַטע — לאָמיר קריאת-שמע זאָגן

אַ גוטע נאַכט

מאַמעניו, מאַמעשי, מאַמע

איך בענק, איך בענק צום קלאַנג פֿון יאָרן ווייטע
איך זוך דעם טאָג, וואָס כ׳האָב אַמאָל פֿאַרלוירן...
און אַלץ וואָס כ׳זע געווען איז שוין פֿאַרצייטנס
און אַלץ וואָס כ׳זע איז נײַ און נײַ-געבוירן.

אין פֿרילנג: קנאָספּן ראָזעווע אויףביימער בײַ די וועגן
אין זומער: רײַפֿע ווערטער, לידער, פֿאַרשמאַכטע פֿאַרבן
אין האַרבסט: דער מלאך המות שאַרפֿט די שאַרפֿע
נעגל —
אין ווען מענס בײַזן נאָמען מוז אַ יעדע רגע שטאַרבן?

אויף טויזנט שליאַכן פֿרעגן טויזנטער געשפּענסטער
פֿאַרוואָס פֿאַלט צו די נאַכט פֿריצײַטיק און זונען גוססן?
פֿאַרוואָס די שווײַגנדיקע לאָדנס אויף די פֿענצטער
און שטילע פֿרילינגדיקע איינזאַמקייט אינדרויסן.

איך זוך אַ קבר פֿול מיט קברים, פֿול מיט גרינינקע
זכרונות —
דו ביסט אַ טראָפּן וואַסער אינעם ים, אַ פֿלאַם צעווישן
פֿלאַמען —
כ׳געפֿין דיך אין מײַן טרוים אין טויזנטער מקומות
מאַמעניו, מאַמעשי, מאַמע — — —

אַ טאָג אַזאַ

אַ טאָג אַזאַ
און אפֿשר בלויז אַ שעה
ווען פּלוצים וועלקן אַלע בלומען
און ס'ווערט אינמיטן פֿרילינג גראָ דאָס גראָז
טרוקן ווערן קוואַלן
ברונעמס

אַ טאָג אַזאַ
אפֿשר בלויז אַ שעה
עס בריט און בראָט דאָס אייגן העמד דיך
שטאָט ווערטער הערסטו בלויז די קראָ
און זוכסטו זיך
אין שפּיגל זעסט אַ פֿרעמדן

און אַלץ וואָס איז אָקאָרשט געווען
איז וויסט און קיינער איז ניטאָ

קיינער קומט נישט
קיינער וועט נישט קומען

אַ טאָג אַזאַ
אפֿשר בלויז אַ שעה
נעמען ווערן נעלם
ביז צום לעצטן נאָמען

אַ גרוס

צווייפֿל נישט אין מיר
כאָטש ביסט דאָרט עלנט, שוואַך
און אומבאַהאָלפֿן ווי אַ קינד
וואָס שרעקט זיך פֿאַר דעם וואָי פֿון ווינט
אין האַרבסטיקער נאַכט

דורך זיגזאַגן גיי איך צו דיר
אין דיר פֿאַרטראַכט
באַגלייט פֿון וויינענדיקעווילדע גענדז
אין נעפּל און פֿאַרנאַכט — — —

די בלום

כ'האָב הײַנט געזען די ערשטע בלום פֿון פֿרילינג
כ'האָב זיך אָנגעבויגן צו דעם ווײַסן קווייט
געוואָלט דערלאַנגען מיט דער האַנט
פּלוצים איז מײַן האַנט געבליבן שטאַר

עס האָט זיך מיר דערמאָנט
אַ פֿרילינג
אַ טויטן-לאַגער
בײַ אַ שטעכל-דראָט
שטייט אַ מאַמע
ווײַסע שניי-בלימעלעך בײַ אירע פֿיס

דאָס קינד פֿון יענער זײַט
— מאַמעניו, ווי שיין זיי בליען —

גיט די מוטער זיך אַ ריס
ציט אויס די האַנט צום ווײַסן צווײַט

— מאַמעניו, רײַס די בלומען נישט
לאָז זיי לעבן

אויפֿן הימל
שוועבן
וואָלקנס רויך

דערוואַכונג

קאַיאָר גייט מוטנע אויף אין די פאַרוויינטע פענצטער —
אין שעה פון ניכטערן סך-הכל
ווערן קאָרטנשפּילערס געל ווי די געשפענסטער
אַ יעדער קאָפּ אַ מילשטיין
און די מיל זיך וואַקלט

נאַסע בלאַסע גאַסן
בלאָטע
נעפּל
שטערן אויסגעלאָשן
ס'גוסן די נעאָנען
פאַרשפּילט האָט עמיץ די קאַפּאָטע
פאַרבליבן ביי דעם קנעפּל
אין קאָן געשטעלט אַ גראָשן
— פאַרלוירן מיליאָנען

דער שפּיל איז אויס
די קרעטשמע פּוסט און קאַלט

זיי שטייען אויף פון טישל
פאַרשווינדן פון דער בינע
איינער האָט אַ הויקער
דער צווייטער איז אַלט
דער דריטער וויל שטאַרבן
און קאָן זיך קיין קרקע נישט געפינען

דער פֿערטער בין איך
אַ בדחן פֿון אַ שיינער משפּחה
געירשנט אוצרות נאָך די אבות
דעם זיידנס קללות
דער באָבעס ברכות
דעם טאַטנס קונץ פֿון קריצן מיט די ציינער
טרייבן קאַטאָווס
גראַמען שרייבן

האָט איינער פֿאַרשפּילט דעם גן-עדן
אויף די קרומע זינדיקע וועגן
דער צווייטער האָט זיין גרויסע ליבע אָנגעווירן
דער דריטער האָט פֿאַרזויפֿט ס׳פֿאַרמעגן
און איך האָב אַ בלויען חלום פֿאַרלוירן
וועגן ווייטע יונגע צייטן

גיב איך אַ הייסן אָנאָנס אין דער צייטונג:
פֿאַר יעדער רגע פֿון מיין בלויען חלום
כ׳וועל אַ יאָר פֿון מיין וואָר
מיט ברייטער האַנט אייך באַצאָלן — — —

האַרבסט

פֿרימאָרגן ווערט אַלץ שפּעטער, שפּעטער
און מיט אַ יעדן טאָג קומט פֿריער אָן דער זון-פֿאַרגאַנג

די ערשטע ווערן געל די בעריאָזענע בלעטער
עס רויטלט זיך דערווילדער וויין
און ס'בלאָנקעט זיך אַ טרויער אויף די פּוסטע פֿעלדער —
ס'איז אומעטיק און באַנג

ס'איז טרויעריק דער האַרבסט
ווי מיין טאַטנס ראש-השנהדיקער ניגון
פֿון שיר המעלות ממעמקים

צווייגן פֿון די ביימער תחנונימדיק זיך וויגן
אָרעם נאַקעט

די זון
זי וואַרעמט מילד
נאָר וויפֿל אומעט איז אין איר פֿאַראַנען

אַ ווייסער שפּינוועב איבער פֿעלדער שוועבט
און נעפּלען דעקן צו די נאַקעטקייט פֿון לאַנען

ס'פֿאַרציט דער הימל בין-השמשות זיך מיט וואָלקנס
טונקעלע און שווערע ווי דער בליי

דאָס דאַרף זיך הילט אין פֿינצטערניש ווי אין אַ שוואַרצן
סאַמעט
עס טראָגט זיך פֿון ווילדע געגנדן און זשוראַוויעס דאָס
געשריי —
ס'האַרץ טוט וויי, פֿאַרקלאַמערט
— — — — — — — —

ציען ווילדע געגנדן אין אומבאַקאַנטע ווייטן
און מיינע הייסע טרערן זיי באַגלייטן — — —

פֿאַראַן אַזאַ קלאַנג

פֿאַראַן אַזאַ קלאַנג
וואָס הענגט אין דער שטילקייט
און ציטערט

פֿאַראַן אַזאַ בלום
וואָס פֿריצייטיק פֿאַרוועלקט איז
געקייקלט פֿון ווינט —
אין געוויטער

פֿאַראַן אַ געזאַנג
וואָס האָט צו איר קינד
ערשט נעכטן געזונגען אַ מוטער

פֿאַראַן אַ געשריי
אַ געשריי פֿון אַ שטומען
וואָס קומט פֿון זיין ברוסט נישט אַרויס

וואָס בליניעט און שטיקט זיך
וואָס בליניעט און שטיקט זיך
מיט זיך אַליין בלויז

רעגן

גרויע טראָפּנס רעגן
קלאַפּן אין די שויבן
ביימער ביי די וועגן
חשוונדיק געבויגן

אויף די שויבן טרערן
אומעט אויף די וויעס
פֿון די וואָלקנס שווערע
רייסן ווינטן קריעה

שאָטנס גראָע שטאַרע
אין די ווינקלען ליגן
מאַסקעס געלע דאַרע
קוקן פֿון דעם שפּיגל

שווערע טראָפּנס רעגן
נעפּל אויף די וויעס
ס'קומט דעם מענטש אַנטקעגן
אָנזאָג פֿון אַ שקיעה

רעגן-טראָפּנס טריבע
אויף די שויבן וויינען
לאָז מיך דאָ נישט איבער
לאָז מיך נישט אַליין דאָ

דאָרפֿישקייט

פֿרימאָרגנס אין שניט פֿריע
ס׳ווינקט אויף מיר דער ווילדער מאָן
ס׳בייגן זיך די זאַנגען
פֿון הימל טרעלט אַ זשייוואָראָן
מיט זיסע קלאַנגען
ס׳ציט אַ פֿאַסטער ערגעץ אַ געזאַנג
עס שפּילט אַ פֿלייט
סערפּעס קלינגען
צום שניידן גרייט
פֿרויען אין צווייען געבויגן
אַ שריט — אַ טאַנץ
דער סערפּ גלאַנצט
און פֿינקלט צו די זאַנגען
מיט זיין שטאָלענער שאַרף

ערד מיינע, איך ווייס
האָסט היינט הנאה פֿון מיר און פֿון מיין שווייס
ערד מיינע, זיי געבענטשט

אויף דעם צלם ביים וועג
גוסט אַ געקרייצטער מענטש
אין זיין טויט פֿאַרטראַכט

ס׳טובלען זיך די ווערבעס
אין טייך און אין פֿאַרנאַכט
און איבער וואַלד און פֿעלד
צום הימל-צעלט
קלינגען קלאַנגען
צו אַווע מאַריאַ

איך בייג צו דער ערד מיין געזיכט און קלער
ס׳איז ווידער אַ טאָג אַוועק
וואָס וועט נישט קומען מער

אויפֿדערנאַכט אַטעמט דאָס דאָרף אין רו
ס׳ווישט אָפּ דעם שווייס די לבֿנהדיקע שיין
ס׳באַגלייט ״אַ גוטע נאַכט״ פֿון גרילן
אַ שטילע מידקייט טרייבט אַהיים

דאָס חשכות האָט מיט היי זיך צעשמעקט
דעם הימל שפּאַלט אַ פֿאַלנדיקער מעטעאָר
ס׳האָט זיך אַ חשד אין מיר דערוועקט
אַז ס׳איז אַ חלום נאָר

לאָז אָפּן די טיר

ווען כ׳האָב דיך פֿאַרלאָזן
פֿון טרויער און בענקשאַפֿט געטריבן
דו האָסט מיר אין וועג נישט פֿאַרהאַלטן
ביסט עלנט געבליבן

איך האָב זיך געלאָזט אויף צוריק
מיט אַמאָליקע וועגן —
געמיינט
ס׳וועלן קומען די שוועסטער און ברידער אַנטקעגן

נאָר מיך צו באַגריסן איז קיינער פֿון זיי נישט געקומען —
עס האָבן די וועג־שטיינער בלויז מיך באַגעגנט
מיט אומעט

אין האַרץ איז פֿאַרבליבן די בענקשאַפֿט
און טרייבט מיך היינט ווידער צו דיר
אָ, כ׳בעט דיך
אויב ווילסט מיר נישט קומען אַנטקעגן
לאָז אָפּן די טיר

פֿאַרגעסענע קברים

דיין קבר פֿאַרשאָטן דער שניי האָט
אין אייביקער שטילקייט פֿון טייגע
אויף בעריאָזעווע נאַקעטע צווייגן
אַ קראָ האָט דערציילט וועגן פֿרייהייט
אַ קברן באַגאַנגען דעם מאָרד איז
דער שיכור געווען איז אַ ריכטער,
און אומשולד געציטערט האָט ניכטער
אַנטקעגן די וועלפֿישע מאָרדעס.

ר׳ לייבוש טרעפּטשער בן נחמן
פֿון דער אַלטער פּוילישער כאַטע —
טאַטעניו, טאַטעניו, טאַטע,
וואָס וואַרטסט אויף מיין אל מלא רחמים —
אין וואָגל אויף ווייטע דרכים
כ׳קוש פֿון דיין טלית ד׳עטרה
כ׳זאָג קדיש אויף איינזאַמע קברים
און ס׳טראָגט מיר אַ בת-קול דיין ברכה

בראָדיאַגעס

בלויע מרחקים, מרחקים
אין גאָלדענער שקיעה צעפּלאָקערט
בערג אינעם גרינעם פֿאַרהילעכטס
אַנטלויפֿן אַלץ ווייטער און ווייטער
און ס׳וויגט אונדזער שיכורן הילוך
דער ווינט, אונדזער טרייער באַגלייטער
אויף ווילדע און פּראַכיקע שליאַכן
און פֿרעגט נישט ווהין און פֿון וואַנעט —
סיי-ווי וועלן שדים דאָך לאַכן
ווען ס׳וועט אונדז דער נאַכטיקער סאַמעט
אין אייביקער פוסטקייט פֿאַרהילן;
ווען ס׳וועט זיך דאָס טאָג-בוך פֿאַרמאַכן.
און ס׳וועט אונדזער אומרו זיך שטילן

פֿון נעפּל צו נעפּל אין וואָגל,
פֿון אומרו געטריבן אַלץ ווייטער,
דער אומעט איז אונדזער באַגלייטער,
אונדז אַרט נישט דער רעגן, דער האָגל,
דער עמוד-האש פֿון די שריפֿות —
נישט אונדזערע וועלטן דאָרט ברענען,
נישט אונדזערע שפּייכלערס דאָרט פֿלאַמען —
און אומעטום פֿרעמדע מיר זענען,
פֿאַרגעסן פֿון וואַנעט מיר שטאַמען
פֿאַרלוירן די אייגענע נעמען

— מיר רוען אין שאָטן פֿון בריקן.
דעם דורשט ביי די קוואַלן מיר שטילן
סיי ווי וועט די נאַכט אונדז פֿאַרהילן,
סיי ווי וועט דער טויט אונדז פֿאַרציקן.

טאָג איין און טאָג אויס אונטערוועגנס,
ווי פֿייגל וואָס האָבן קיין נעסטן,
מרחקים, מרחקים מיר מעסטן
און קיינער קומט אונדז נישט אַנטקעגן
ס׳דערלאַנגט אונדז נישט קיינער קיין שמייכל
און קיינער וועט אונדז נישט באַוויינען
דעם ברעג ווען מיר וועלן דערגרייכן;
ווען ס׳וועט אונדז דער ים מיט זיין ניגון
אויף אייביק פֿאַרוויגן פֿאַרוויגן — — —

פֿערזן

גרזייעט בלויע שמעטערלינגען אויף דער שוואַרצערד
פֿון דער וועלט
געבויט פּאַלאַצן אין סאַמע מיט פֿון אַלע טיפֿע ימען
דעם פֿרילינג אויסגעכישופֿט אין ווינטער און אין
קעלט —
געהירזשעט קרעפֿטיק האָבן פֿערזן: ווילדע פֿערד אָן
צאַמען

און איינמאָל זענען זיי — די פֿערזן — ערגעצווו
פֿאַרשוווּנדן אינעם ווינט
צעלאָפֿן זיך אין פּחד ווי די גרויע האָזן —
ס׳טרעפֿט אין האַרבסט, אַז ס׳ווערט אַ דיכטער בלינד
ווען ס׳קומט דער פֿראָסט פֿריצייטיק אויף די גראָזן

ווי קאָן מען זיך באַגיין אָן צאַרטע טרוימען?
און וואָס איז ווערט די שטוב, ווען ס׳שטאַרבט די גריל
אין קוימען?

געשריבן אין האַרבסט

ס׳וועט אייביק זיין אַזוי
אין דער געדיכטעניש פֿון חצות שטייט אויף אַ קינד
און לויפֿט פֿאַרויס און זוכט אַ שטראַל פֿון שיין
און ס׳וואַקסן זומפּן אויפֿן וועג און ס׳בילן הינט
און פֿיינטלעך ווערט אַ יעדער שאָטן, יעדער שטיין

ס׳וועט אייביק זיין אַזוי
אין טאָלן גרינט דער פֿרילינג און ס׳בליט אין סאָד דער צוויט
דער פּאַסטעך ווי אַ דיכטער: אַ פֿולע פֿלייט געזאַנג —
און יעדער האָט געהערט דעם פּאַסטעכס זיסע ליד
ווען ס׳האָט דערווייל געפּויזעט אינעם גראָז די שלאַנג

ס׳וועט אייביק זיין אַזוי
עס גייט דער מענטש פֿאַרויס צו וויסטע הויכע בערג
אַנטקעגן פּיפּערנאָטערס, תהומען און געפֿאַר
שטאַרקער פֿון אַ דונער, שוואַכער פֿון אַ צווערג
ער שטילט דעם דורשט ביים קוואַל פֿון פֿריידן און פֿון צער

ס׳וועט אייביק זיין אַזוי
טאָג און נאַכט און ווידער ליכט און ווידער שיין
און אויסגיין וועט דאָס וואָיען פֿונעם וואָלף אין וואַלד —
די וועלט איז יונג, כאָטש ערנסט איז דער היינט
כאָטש האַרבסטיק איז און נעפּלדיק און קאַלט

אין רעגן

אין עמערס טיפּע מישן מאַלערס ווילדע פֿאַרבן
און קאַלעכן די וועלט אין נעפּלען גרויע
ווער זאָגט, אַז בלעטערפֿאַל איז ענלעך צו דעם שטאַרבן
און אַז דער האַרבסט איז אָנזאָג פֿון אַ טרויער ?

ווער זאָגט, אַז ס'איז די וועלט שוין ווי אַ זקן מידער
וואָס האָט פֿאַרגעסן וועגן דעם פֿרימאָרגן ?
ווער זאָגט, אַז ס'זענען הייזעריק שוין אַלע לידער
און אַלע שיפֿן גייען אונטער אינעם ים פֿון זאָרגן ?

ווער טראַכט דאָס אויס אַזעלכע וויסטע ליגנס ?
ווער האָט עס אויסגעטראַכט אַזאַ מין אמת ?
דאָס טוט דער רעגן מיך אין אומעט וויגן
און גיסט אויף מיין געמיט אַ רמז נאָך אַ רמז

גלייבט נישט אין קאַפּריזן פֿון אַ דיכטער
וועלכער האָט זיך אויף אַ ווייל פֿאַרלוירן —
ס'טרעפֿט דאָך, אַז אַ דיכטער איז נישט ניכטער
און פֿאַרגעסט, אַז יעדן טאָג מיר ווערן אויפֿדאָסניי
געבוירן — — —

קלוגע יידן

ווען ס׳שיינט די ליבע זון
און ווען די היץ קוועטשט אויס
דעם לעצטן שווייס פֿון פּנים
פֿרייען זיך די קלוגע יידן

און ציען וואָלקנס
זענען יידן אויך צופֿרידן
און אויך ווען ס׳וואַקלט זיך
די שיכורע לבנה

און זענען די געדאַנקען
ווי די סאַזשע שוואַרצע
און ווען ס׳טוט וויי
און ווען עס נאָגט דער אומעט

לאַכן קלוגע יידן
און זינגען אַזוי האַרציק
אַז ס׳ווינקט דער פּיין:
ס׳איז נאָר דער טויט אַ שטומער

קלוגע יידן
ווייסן גוט וואָס שיין איז
און ווי קונצנמאַכערס
לאַכנדיק זיי וויינען

האַרץ

געמיינט אַז זיי גיבן מיר ברויט
און דאָס איז געווען אַ שטיין

געלאָשן מיט עסיק דעם דורשט
און איך האָב געמיינט אַז ס׳איז ווײַן

געבענקט צו אַ שטיקעלע האַרץ
אַ בעטלער וואָס שטייט בײַ דער טיר

ביז ס׳האָט מיך אַ קצב דערהערט
געשענקט מיר דאָס האַרץ פֿון אַ שטיר

פֿון זײַן אייגענער שחיטה

די פּען

וואָס נאָך קאָן אויסטראַכטן די פּען
אין דיכטערס ציטערנדיקע פֿינגער
ווען אַלץ איז שוין געווען, געווען
און אַלץ באַוויינט און אַלץ איז שוין באַזינגען

אין ווערטער אויסגעדראָשענע און טרוקענע ווי היי
איז יעדער אויפֿגאַנג פֿון דער זון און יעדע שקיעה
אַ יעדער בת-קול פֿון אַ דונער, יעדער וויי-געשריי
און ליגנט וועגן אייביקייט און וועגן בליונג

דער פֿליסטער פֿון פֿאַרליבטע, יעדער זייער זשעסט
דער קרעכץ פֿון תליה און דער פֿלאַם פֿון שייטערס
און האַס וואָס שווימט דורך וועלטן ווי אַ פּעסט
און שיפֿן בלאָנדזשענדיקע דורך ימען און דורך צייטן

אַ רעגנבויגן, אָפּגעהאַקטע פֿליגל פֿון אַ שוואַלב
אַ שלאַכטפֿעלד פֿון טויזנט מענטשישע מלחמות
ווו נעמט מען פֿאַר דער שוואַלב אַ זאַלב
ווו נעמט מען פֿאַר דעם מענטשנס קינד נחמה

פֿון וועלכע קוואַלן שעפּט מען ליכט
ווו נעמט מען ווערטער פֿאַר די שטומע
און ווען מען שענקען דאָס אייגענע געזיכט
און ווען מען די נישטיקע נשמה

מיר האָבן שוין דאָס אַלץ געהערט, געהערט
געראַנגל, אומקום און פֿאַרניכטונג
געקעמפֿט מיט פֿערזן קעגן שווערד
צו טויבע רויבער גערעדט מיט דיכטונג

מתפּלל זיין צו וועלכן אומבאַקאַנטן גאָט
אַז שענקען זאָל ער קראַפֿט דעם דיכטערס לשון
אַז אַפּגעהיט זאָל זיין דער זיבעטער געבאָט
אויף אַלע ימען און אויף דער יבשה

אַ פּענעץ פֿרייד פֿאַר יעדער אויסגעשטרעקטער האַנט
אַ וואָרט וואָס זאָל ווי טויזנט זונען שיינען
אַז דאָרט ווו פֿינצטערניש זאָל אויפֿגיין דער פֿאַרשטאַנד
און ווער געווינט האָט, זאָל מער נישט דאַרפֿן וויינען

וואָס נאָך קאָן אויסטראַכטן די פּען
אין דיכטערס ציטערנדיקע פֿינגער
ווען אַלץ איז שוין געווען, געווען
און אַלץ איז שוין באַווײנט און אַלץ באַזינגען

אַ שטייג מיט גראַמען

אַנטלאָפֿן איז מײַן אַלטער ניגון
און כ׳ווייס נישט ווו ער איז.
מיט וואָס זאָל איך מײַן צער פֿאַרוויגן,
אַז כ׳ווייס נישט ווו דער ניגון איז.

פֿאַרלוירן האָב איך די ירושה,
אַרויסגעלאָזט זי פֿון די הענט
און ס׳איז אַ חרפּה און אַ בושה:
כ׳געדענק נישט ווו און ווען.

לידער זיסע פֿון דער מאַמען
ערגעצווו פֿאַרפֿאַלן,
געהאַט אַ פֿולע שטייג מיט גראַמען —
אַוועקגעפֿלויגן אַלע.

זוך איך זיי און זוך אַרומעט,
טרעף איך ווען אַ שפּור
און ס׳גראַמט זיך אומעטיק מיר תּמיד
אין חלום און אויף וואָר.

באַלאַדע וועגן מיין זיידן אויף דער עלטער

העי! טויזנט ווינטן יאָגן זיך,
טויזנט בורעס וויוגען זיך,
דער שניי פֿאַרשיט די וועלט.
ס'האָט פֿיינט מיין זיידע קלאָגן זיך, —
נאָר ס'ברענט און בראָט די קעלט.

דאָס פֿערדל — קוים עס זשיפּעט נאָך,
דער שליטן — קוים ער סקריפּעט נאָך,
דער זיידע — קוים ער לעבט.
ער רייבט די נאָז און כליפּעט נאָר:
— און דאָס הייסט אויך געלעבט?

עס פֿרירט זיין באָרד אין סאָפּליעס אייז,
ער שרייט צום פֿערד און רייסט די לייץ:
— נעווייַלעניו! שוין באַלד...
נאָר ס'פֿערד איז טויב, און ער ווערט בייז:
— מיר זיינען ביידע אַלט...

ער זיפֿצט און צופּט די גרויע באָרד
און עפּעס איז אים אַזאַ שאָד,
כאָטש נעם און זיך צעוויין...
(צי ווײנט ער, ווייל דער פֿראָסט אים בראָט?
באַדויערט ער ס'פֿערד, צי זיך אַליין?)

דערשלעפּט זיך צו דער שטאָט ביינאַכט,
נאַר ס׳זיינען שטובן צוגעמאַכט:
— אשרי יושבי אין דער היים! —
דער זיידע האָט זיך בייז צעלאַכט
און רייסט אַרויס פֿון ברוק אַ שטיין...

דער זיידע לאָזט זיין צאָרן אויס,
זיין צאָרן צו דעם שענסטן הויז,
מיט פֿענצטער הויך און העל —
ער לאַכט, און האַקט די שויבן אויס
און מאַכט פֿון זיי אַ תל.

דאָס פֿערדל — קוים עס זשיפּעט נאָך,
דער שליטן — קוים ער סקריפּעט נאָך,
דער זיידע — קוים ער לעבט.
ער רייבט די נאָז און כליפּעט נאָך:
— און דאָס הייסט אויך געלעבט? — —

דעם זיידנס מצבה

ווען אויפֿן טויטן-בעט געלעגן איז מיין זיידע,
האָט זיך אין גאָלד געבאָדן דער סוף-זומער.
אין סאָד געבויגן האָבן זיך מיט פּרוכט די צווייגן,
געהאָנגען איז אין לופֿט דאָס ראַיען און דאָס זשומען
פֿון ווילדע בינען, און דער פֿלאַטער פֿון די
שמעטערלינגען,
עס האָבן פֿאַסטעכער אויף סטערניעס נאַקעטע
געזונגען,
געברענט האָט ווי אַ שייטער אויפֿן באַרג — די שקיעה.

ווען ס'האָט דער זיידע צוגעמאַכט די מידע וויעס
די שכנים קריסטן האָבן זיך ביים טויער פֿרום געצלמט,
און עמעץ האָט שוין צוגעגרייט די טהרה-כלים,
אַן אורח פֿון דער שטאָט געשאַרפֿט האָט ס'מעסערל
צום שניידן קריעה,
און מיטן תרגום פֿון דעם קדיש האָט געמאַטערט זיך
דער פֿעטער שיע,
אין שטאַל געריטשעט האָט די קו — מע האָט אין איר
פֿאַרגעסן,
די באָבע האָט זיך בליפּנדיק דערמאָנט: ״עס האָט די קו
נאָך גאָרנישט היינט געפֿרעסן . . .״

און ווען מע האָט אין די תכריכים ווייסינקע פֿאַרהילט
אים,
געפֿלאַמט האָט נאָך זיין באָרד, ווי בלעטער האַרבסטיקע
פֿון ווילדן וויין;
דעם פֿאַסטעכס פּייפּל אויף דער לאָנקע איז געוואָרן
שטיל —
די באָבע בלימע האָט געיאָמערט,
געשאָקלט האָבן זיך די ביימער אויפֿן ווינט —
פֿאַראָבלטע צדיקים —
ביים בר-מינן געפֿאָרעט האָבן זיך די חברה-לייט,
ווי פֿינצטערע מזיקים

און נאָך דער שבעה באַלד האָט אָנגעהויבן זיך אַ בייז
מחלוקת,
מע האָט געקריגט זיך איבער דער ירושה.
געבושעוועט ווי פֿייער האָט די מומע רייזל,
די באָבע האָט פֿאַרשטעלט די אויגן און געשעפּטשעט:
„אַזאַ בושה...״

מע האָט געשלעפּט ביים שטריק די דאַרע קו, דאָס
ניי-געבוירן קעלבל,
געשפּאַרט זיך, ווער ס'וועט ירשענען די בייט מיט האָבער
ביי דעם וועלדל,
די מומעביילע האָט פֿאַרלאַנגט, מע זאָל פֿאַרשרייבן איר
דאָס שטיבל,

מע האָט געציילט די סנאָפּעס אויפֿן בוידעם, אויף דעם
בוים די עפּל,
אַרויסגעריסן זיך פֿון האַנט דעם זיידנס קאַפּאָטע,
דעם זיידנס שטיוול,
אַפֿילו אויך דעם לאַנגן ווײַנשל-ציבוק מיט דעם
פּאָרצעלייען קעפּל.

און ווען מע האָט די בייזע חלוקה שוין פֿאַרענדיקט,
די נויט אין שטוב געוואָרן גרעסער איז, ווי שטענדיק,
און ס'פֿלעגט די באָבע קלאָגן זיך בסוד פֿאַר שכנים
און שטילערהייט פֿאַרשטעקן זיך אין ווינקעלע און
וויינען.

זי האָט חדשים לאַנג געזאַמלט אין אַ קניפּל נעבעכדיקע
גראָשנס,
צו שטעלן דעם געשטאָרבענעם אַ שטיינערנע מצבה —
ביז ס'האָט זיך איינמאָל אויך דער באָבעס ליכט
פֿאַרלאָשן
און ס'האָט דאָס זעלבע ווילדע גראָז באַוואַקסן אויך
דער באָבעס קבר.

און ווען איך וועל שוין מוזן...

און ווען עס וועט מיין צייט שוין קומען,
— נאָך ווייט, נישט היינט-געדאַכט, נאָך ווייט —
וויל איך, עס זאָלן בליען בלומען,
אַזוי ווי זיי בליען אין חודש מאַי.
מעג זיין אין שיינעם חודש מאַי,
צי שפּעטער אין הייסן זומער,
נאָר ס'זאָל אויף דער לאָנקע שמעקן דאָס היי,
און אויפֿן דאַך דער קימל.
— אַ מענטש אַ דימענט, שטיל-באַשיידן... —
וועט עמעץ געבן אַ זאָג
און וועט מיך שיקן גלייך אין גן-עדן
אין דאָזיקן זומער-טאָג.
גלייך אין גן-עדן, צום טאַטן און זיידן,
דאָרט האָט דער פֿעטער אַ שראַנקן,
און די מומע חנה האָט זיבן מיידן
אַלע אַלטע און קראַנקע
מיין פֿרומע באָבע וועט זיך צעוויינען
און זאָגן צום זיידן אַזוי:
— לאָז אים לעמאַנעשעם נישט אַריין דאָ,
ער איז דאָך אינגאַנצן אַ גוי...
ער, צום טייוול! זומער, צי ווינטער —
וואָס איז דען דער אונטערשיד?
ווער מיר בית-עולם! וואָס מיר צווינטער?
כל-זמן ס'איז דאָס האַרץ נאָך נישט מיד!...

געפּאַר

ס׳האָט זיך די זון מיט אַ שוואַרצער כמאַרע פֿאַרשטעלט
איז עס נאָר פּאַר אונדז
צי פּאַר דער גאַנצער וועלט

צעפּראַלט זיך דאָס פֿענצטער מיט דעם געוואַי פֿון ווינט
איז עס דער געלעכטער פֿון טייוול
צי וויינט דאָס אַ קינד

כ׳דריי זיך אויס צום נעכטן —
געוועז איז דער הימל אַ בלויער
און אַרום אונדז די וועלף
און אַרום אונדז די קראָען

נאַכט
ס׳טאַנצט דער שאָטן אויף דער וואַנט
אַ גוססדיקער קנויט

איז עס אַ שעה פֿון לעבן
איז עס די שעה שוין פֿון טויט

דאָרטן

עס האָט מיך אויפֿגעוועקט אינמיטן נאַכט
דער פּחד מיינער
דער פּחד פֿון הונדערט הונדערט דורות

באַטראַכט האָט מיך אַ פֿרומער ריכטער מיט פֿאַרדאַכט
געגרייט אַן אורטייל אויף דעם אַפּיקורס

און ס׳האָט אַ שטימע באַסיקע די אויערן געלעכערט
געפֿאָכעט האָט ווער מיט דער שווערט ווי מיט אַ פֿעכער

כ׳האָב מיט דעם נעפּל פֿון חלום זיך פֿאַרשטעלט
געזוכט אַנטרינונג אונטער די פֿאַרמאַכטע אויגן

און ווידער האָט מען פֿאַר אַ ריכטער מיך געשטעלט
איצט האָט מען מיך געמישפּט פֿאַר מיין גלויבן

און ס׳האָט אַ שטימע באַסיקע די אויערן געלעכערט
געפֿאָכעט האָט ווער מיט דער שווערט ווי מיט אַ פֿעכער

מאַלעריי

פֿאַרמאַך נישט דעם לאָדן
עס האָט די נאַכט דאָס שוואַרצע שפּענצערל
פֿאַרקנעפּלט
צינד אָן דעם נאַפֿט-לאָמפּ
וואָס שיינט ווי טויזנט זונען
דאָס געסל שווימט דורך מידקייט און דורך נעפּל
אַ בלינדער בעטלער דרימלט ביי דעם ברונעם

אַ קויש מיט מצות טראָגט אַהיים דער גרויער זיידע
אָט בלייבט ער שטיין
די שטערן אויפֿן הימל ציילט ער
און ברוך קצב שלעפּט ביים שטריק אַ ציג צו דער עקדה
ביי דער קאַסערנע שפּילט אַ זעלנער אויף דער
מעשענער טראָמייטער

שטילער אָוונט
זילבערנע לבנה-שיין
אויף קוימענס און אויף דעכער
רב יוחנן דער שוסטער זיצט פֿאַרטראַכט און קוקט אַריין
אין שטיוול
רב אלימלך זינגט און טרינקט לחיים אויס אַ טיפּן בעכער
מיט אַ בלאַט גמרא בייסט ער צו אין רבינס שטיבל

נישט וועק דעם זקן ביי דעם טיש
ער חלומט
אַט זיצט ער אין גן-עדן צו גאַסט ביים בורא עולם
מלאכים שוועבן אַרום אים
און יעדער גיט אים שלום
און ס׳טראָגט אים צו אַ שטיקל לוויתן דער מלך שלמה

און עמיץ ווערט געבוירן היינט
און עמיץ קלויבט זיך שטאַרבן
און ס׳פּליט אַ פּאַווע גאָלדענע און פּאָכעט מיט די פּליגל
די נאַכט איז חנוודיק און טויזנטפּאַרביק
און ס׳וואַכט אַ יידיש וויג-ליד ביי דעם וויגל

סע ריכט אָפּ חצות אַ מאָלער יידישער מיט ווילדע אויגן
און זעט חידושים וואָס זענען נישט געשטויגן נישט
געפּלויגן

אויף דאָס נײַ

ס׳טרעפֿט אַמאָל, אַז נאָך אַ לאַנגער וואָגלעניש
שפּײַט דיך אויס דער צוג אויף דער זעלבער סטאַציע
פֿון וועלכער אָנגעהויבן האָסט דײַן וועג
דערקענסט אַ יעדעס געסל, יעדעס הויז
יעדן ברונעם, יעדן בוים
און אַלץ צו וואָס דו האָסט געבענקט

ווי אַ געשפּענסט דו שאַרסט זיך דורך די גאַסן
און ס׳קוקן דײַנע אויגן דורך די מענטשן ווי דורך גלאָז
און מענטשן גייען אין אַ זײַט פֿון דיר
און סודען זיך: ווער איז דער פֿרעמדער

און ווײַטער גייענדיק דערזעסט אַ קינד
וואָס שפּילט זיך אין אַ פֿענצטער
און ציט צו דיר די הענטלעך אויס

באַמערקסט ערשט איצט דעם פֿרילינג און די שטראַלן
פֿון דער זון און זוכסט עמיצן אַרום זיך
און טראַכסט פֿון דעם וואָס פֿעלט

און זוכסט אַ טרייסט אין די צווײַגעלעך
וואָס שפּראָצן פֿון דער ערד אַרויס
אַרום דעם אַלטן אָפּגעהאַקטן שטאָם
אויף דאָס נײַ

נעם מיך אָן

נעם מיך אָן ביי דער האַנט און פֿיר
צו אונדזער היים אין שטעטעלע, צו אונדזער טיר

לאָמיר זיך אין קינדער פֿאַרוואַנדלען יונגע
ס'ליד פֿון ראָזשינקעס און מאַנדלען זינגען

ס'וועט דער טאַטע פֿאַר אונדז די טיר אויפֿמאַכן
גלעטן אונדז און קושן אונדז, די מאַמע וועט לאַכן

ס'וועט דער טאַטע קיינמאָל מער שוין אונדז נישט קושן
די מאַמע וועט קיינמאָל נישט די טרערן ווישן

און איך וויל אויך שוין מער קיין קינד נישט זיין
ווייל ס'האָט נישט ווער צו שטילן מיין געוויין

צו שטילן מיין געוויין

אומרו

גרויער אַש פֿאַרשאָטן האָט
די שפּורן דיינע —

רויך פֿון אונדזוער עבר
פּראַך פֿון דיינע ביינער

טעג ווי שווערע יאָרן
שעהן ווי מעסלעסן

כ׳זוך די ליבשאַפֿט דיינע
כ׳קען זי נישט פֿאַרגעסן

עפּעס וואָס כ׳געדענק נאָך
אָבער נישט דיין שמייכל

מיט די אָרעמס שטאַרע
כ׳קען דיך נישט דערגרייכן

שלאָגט די שעה פֿון פחד
טראַכט ווער וועגן שטאַרבן

נעם דעם אומרו מיינעם
אויב דו קאָנסט, פֿאַרדאַרב אים

דערפֿאַרונג מיט אַ פֿראַגעצייכן

לאָז אָפֿן אַלע שלעסער
ווען ס׳דונערט און עס רעגנט
ווען ס׳בייגן זיך די קעפּ פֿון ביימער
אין געוויטער

צום ליכט פֿון דיינע פֿענצטער
ציען מענטשן אונטערוועגנס
זאָל קיין שום שליסל זיי נישט שטערן
קיין שום היטער

פֿאַר וואַנדערער און אורחים
לאָז אָפֿן אַלע טירן
אַ לאַמעדוואָווניק וועט אפֿשר קומען
פֿון דער ווייטן

זאָל אים דאָס ליכט פֿון דיינע פֿענצטער
גליקלעך פֿירן
און זאָל דיין טיש פֿאַר אַלע הונגעריקע
גרייט זיין

און אויב עס וועט אַ גנב קומען
אַ פֿאַרברעכער
באַגריס אים פֿיין
פֿאַרשעם נישט קיין שום מענטשן

און טרינקסטו ווײַן
גיס אָן דעם גנבֿ אויך אַ בעכער
און אויב ער בעט אַ ברכה
בענטש אים

און קומט אַ מענטש
וואָס גיריקייט אין זײַנע אויגן פֿלאַקערט
דו שענק אים פֿונעם רוקן
דאָס לעצטע העמד דײַנס

ווײַל ווויל איז דעם
וואָס באָרוועס איז און נאַקעט
און זעט אַ קרובֿ האַרציקן
אין יעדן פֿרעמדן

פֿאַר יעדן שקלאַף פֿאַרנייג דעם קאָפּ
פֿאַר יעדן שנאָרער
אין יעדן תּם באַגריס
דעם שטאָלצן חכם

און שטעכט מען דיך מיט דערנער
דו קוש אַ יעדן דאָרן
דערלאַנגט מען דיר דעם בעכער סם
פֿאַרזוך אים

און פֿאַלט אַ שטעקן אויף דיין רוקן
קוש דעם שטעקן
און פֿאַלן שטיינער אויף דיין קאָפּ
דו בענטש די שטיינער

לאַך
ווען ס׳פּרווון צווערקן דיך דערשרעקן
און
פֿאַרבייס די ציינער

אין דעמערונג

מאַמעניו, ווען ס׳וועט מיך די גרויסע פֿינצטערניש
פֿאַרהילן
וועט אויך פֿאַרשווינדן דער לעצטער שמייכל דיינער.
און קיינער וועט שוין דיין געוויין נישט שטילן
און קיינער וועט שוין נישט מיט דיינע טרערן וויינען.

און קיינער וועט שוין נישט דערמאַנען דיינע זיסע
ווערטער
און קיינער וועט דעם קלאַנג פֿון דיינע לידער נישט
דערמאַנען —
נאָר חלום איך: נאָר קוש איך יענע אויסגעמעקטע
ערטער
ווו ס׳איז אַמאָל מיין יידיש וויגעלע געשטאַנען.

ס׳איז האַרבסט. אין בלעטערפֿאַל איך ציטער און
אין רעגן
און פּלוצעם כ׳בין אַליין צווישן ביימער נאַקעטע
פֿאַרבליבן.
כ׳נעם אָן דיין שאָטן ביי דער האַנט און גיי דער
דעמערונג אַנטקעגן —
פֿאַרטרייב מיין פּחד אַזוי ווי האָסט אין מיינע קינדעריאָרן
אים פֿאַרטריבן.

און העלף מיר טראָגן מיינע נישט-דערטראָגענע באַגערן
און פֿאַרלאַנגען,
רוף צו די גאָלדענע פּאַווע, וועק אויף די אומגעקומענע
פּרינצעסין;
ראָזשינקעס און מאַנדלען — כ'האָב זיי קיינמאָל נישט
געקאָנט דערלאַנגען —
בלאָנדע קינדעריאָרן — כ'קאָן זיי נישט פֿאַרגעסן.

ס'איז האַרבסט. אין בלעטערפֿאַל איך ציטער און אין
רעגן —
כ'נעם אָן דיין שאָטן ביי דער האַנט און גיי דער
דעמערונג אַנטקעגן.

ביים ברעג

ווען ס׳וועט זיך דער גרויסער גלאָק צעקלינגען
שענק מיר אַ שטילע שעה פֿון שכל
שענק מיר אַ שעה פֿון שעהן יונגע
העלף מיר דעם צווייטן ברעג דערגרייכן

שענק מיר דעם פֿרידן אָן לאַנגער גסיסה
אין שעה פֿון חצות ווען שטערן שיינען
געבוירן בין איך אָן באַגריסונג
און כ׳וויל נישט ס׳זאָל מיך ווער באַוויינען

ווען מען אַ ליד

ווען מען אַ יידיש ליד
וועגן צער און גסיסה
ווען מען אַ ווײַנשל-בוים אין סאָד
ווען מען אַ לאַנדשאַפֿט זיסע
ווען מען אַ פּאָרטרעט פֿון אַ ייד
מיט אַ ווײַסער באָרד
ווען מען אַ יידיש וואָרט
ווען מען אַ בינטל בלומען
אַ קדיש אויפֿן הייליקן אָרט
אַ מצבה אָן אַ נאָמען
ווען מען אָפּקושן די טרערן
פֿון די וויעס
ווען מען אַ וואָרט פֿון נחמה
און ווען מען רײַסן קריעה
ווען מען זינגען דעם אמת
וועגן פֿײַנטלעכע ימען
און אויב נישט דעם אמת
איז דעם רמז פֿון אמת
ווען מען דאָס אַלטע וויגליד דערמאַנען
ווען מען די שטיינער פֿאַרוואַנדלען
אין ראָזשינקעס און מאַנדלען
ווען מען צום שמייכל פֿאַרוויגן
מיטן ניגון פֿון ליגנט
ווען מען אַ יידיש ליד

יידישע פּאָעטן לאַמעדוואָעניקעס מידע
אַלטע מאַהיקאַנער אינעם וואַגל
וואָס געזייעט אויסגעדראָשן האָט דער האָגל
און פֿאַרבליבן זענען בלויז די שפּורן
אויף דעם זאַמד און אויף די שטיינער

וואַקלען זיך די דיכטער אינעם ווינט ווי ביימער
ווי טאַפּאַליעס מיט די מאָגערע פֿיגורן
און עס פֿאַלט פֿון זיי אַראָפּ די שכינה
ווי אין האַרבסט די פֿלאַמיק רויטע בלעטער

אויף די צווייגן וועבן זייער נעץ די שפּינען
די וועלט איז פֿול מיט פֿאַלנדיקע געטער
מיט פּיפּערנאָטערס און געשפּענסטער
און ס׳וואַכט די נאַכט אין פֿענצטער
און זינלאָז ווינקען שטערן

וויינען קאָן מען קיינעם נישט פֿאַרווערן
טרעפֿט אַמאָל אַז ס׳וויינט אַ ייד אַ דיכטער
אַ גולם ליימענער מיט הייסע טרערן
אפֿשר איז ער שיכור און אפֿשר ניכטער
דער טייוול ווייסט אים

שענקט אַ טרייסט אים
ער זאָל אַייך קענען טרייסטן

ביים סמבטיון

איז אפֿשר דאָס נישט מער ווי מיין שגעון
אַז ס'איז דאָס וואַסער מיר פֿון פֿרעמדע ברונעמס ביטער
און אַז די קאַלטע וואַנט
ווען כ'שפּאַר זיך אין איר אָן
וואַקלט זיך ווי שיכור און זי ציטערט
און ביי נישט-מיינע טישן
פֿאַרטיילט מען צו אַ שדים-שפּיל די פֿאַלשע קאָרטן

עס רוט נישט דער סמבטיון
און כ'קאָן נישט יענעם ברעג דערגרייכן
ווייל ס'האָט אויס שפּינוועבס ווער געפֿלאָכטן מיינע
בריקן
און ס'האָט ווער ביי דעם שיידוועג אויסגעמישט די
צייכנס

פֿאַרביטערט בין איך —
כ'בויג אַראָפּ דעם קאָפּ
ווי אַ באַלעגאָליש פֿערד
ווען ס'ווערט אַ זקן
און ס'איז שוין מיד צו קעמפֿן מיט די פֿליגן

און כ'שרעק זיך פֿאַר דעם מיזאַנטראָפּ
וואָס כ'זע אים אין מיין קרומען שפּיגל

און איך האָב געמיינט

און איך האָב געמיינט
אַז דעם הימל דערגרייכן מען קאָן מיט דער האַנט
און גלעטן די שטערן אַזוי ווי אַ פֿרוכט אינעם סאָד
אַז העכער פֿון יעטוועדער וואַנט איז דעם מענטשנס פֿאַרשטאַנד
אַז מיט האַרץ קאָן מען גובר זיין יעדעס פֿאַרכישופֿטע ראָד

און איך האָב געמיינט
אַז דעם אמת פֿאַרמאַכן מען קאָן אין דעם דיכטערס געדיכט
געהערט כ׳האָב אַ פֿליסטער און דאָס איז געווען אַ געשריי
געמיינט אַז ס׳איז טאָג, געמיינט אַז ס׳איז ליכט
געפֿרייט זיך מיט ווייסקייט פֿון צוויט און דאָס איז געווען אַ שניי

און איך האָב געמיינט
אַז די וועלט איז נישט מער ווי אַ קינדערשער טרוים
און מער פֿון באַנאַלע חלומות כ׳האָב גאָרנישט פֿאַרמאָגט
געבליט האָט אַ בוים, געמיינט כ׳האָב אַז דאָס איז מיין בוים
געווען איז פֿאַרנאַכט און איך האָב געמיינט אַז עס טאָגט

און איך האָב געמיינט
אַז ס׳האָט נישט קיין סוף דער זוניקער מענטשלעכער
וועג
אַז ס׳שלאָגן די פֿריידיקע קוואַלן פֿון יעטוועדן שטיין
אַז אָרעמקייט שטאָלצע איז רייכער פֿון יעדן פֿאַרמעג
און שטאַרקער פֿון זאַלפֿן קאָן הילכן דאָס צאַרטע געוויין

און איך האָב געמיינט —
ביים פֿענצטער איך זע די פֿאַרצווייפֿלונג אין טונקעלער
טראַכט
זי שעפּטשעט מיר אונטער אַ פֿערז נאָך אַ פֿערז צו
מיין ליד —
מיין ליבע, געקומען איז פּלוצים דער האַרבסט און
די נאַכט
אַ שאָטן זיי האָבן פֿאַרוואָרפֿן אויף מיינע שיכורע טריט

מצבות

מלאכים מאַרמאָרנע וואַרטן אויף משיחן
אין בלומענטעפּ די רויזן בלוטיק בליען

באַגראָבן האָט מען וועמען אָן תכריכים
פֿאַרגעסן שניידן נאָך אים קריעה

און עמיץ לעבט און גיט אַ שאַנס זיין ווילדן גורל
און עמיץ האָט נאָך נישט געפֿונען זיך אַ קרקע

און זוכט מיראַזשן וואָס ער האָט זיי ווו פֿאַרלוירן
און ווייסט נישט:
מילדער איז דער טויט, צי איז דאָס לעבן שטאַרקער.

שטימונג

וועלכע שוועל וועט מײַן פּאָסטריט באַגריסן
אונטערוועגנס
וועלכער שטײַן וועט מײַן מידקײַט קומען אַנטקעגן

בײַ וועלכן בוים זאָל איך שאָטן זוכן און זיסן געזשום
פֿון בינען
אויף וועלכע קברים זאָל איך חלומות פֿאַרלוירענע
געפֿינען

וועלכע זונה וועט שטילן מײַנע שיכורע באַגערן
כ׳וועל ווײנען — וועלכע זקנה וועט ווישן די טרערן

ווער וועט שענקען אַ וואָרט אין דער שעה פֿון סכנה
און אויף מײַן גרוב וועלכער הונט וועט בילן צו דער
לבנה.

בעטלערס אין געסל

געסלעך שמאָלינקע פֿאַרטראַכטע
דורך פֿאַרגעסענע דיכטער אויסגעטראַכטע

פֿענצטער אין אויסגעקרישלטע ראַמען
לונגען-קראַנקע רויזן

אין טויער אַ הייליקע מאַמע
פֿאַרהילט אין שפּינוועבס און שימל
און אַ יוזל

אַ בלינדער בעטלער זאָגט קדיש נאָך די יונגע יאָרן
און שטרעקט צו מיר די ציטערנדיקע האַנט
ער דראָט און וואָרנט
כאָטש איך האָב קיין שום זאַך נישט פֿאַרגעסן

אין שפּיגל פֿון זכרון
איך זע משוגענע יאַרידן
פֿײַנטלעכע גאַסן
הענט שמוציקע און קרעציק

כ'האָב אויך דאָס זיסע בעטלער-ברויט געגעסן
און פֿון פֿאַרסמטע ברונעמס געזשליאָקעט וואַסער
וואָס האָט געהאַט דעם טעם פֿון עסיק

אַ גוט וואָרט דיר אַנשטאָט אַ נדבה —
אַזאַ גורל אונדזערער: געפֿינען און פֿאַרלירן

איז לאָמיר טראָגן הויך דעם כבוד,
שנאָרער שטאָלצע ווי גבירים,
ברידער מיינע,

ווי לאַנג עס זענען וואַרעם די שטערן
און ווייך פֿאַר אונדז די שטיינער.

פֿראַנסואַ וויאָן

פֿאַרמאַך פֿאַר מיר די שלעסער, פֿאַרשפּאַר פֿאַר מיר
די טירן
דערגיס דעם לעצטן טראָפּן צום בעכער מיט יסורים

באַוואַך די פּוסטריט מיינע כ׳זאָל אויסמיידן די שוועלן
פֿון פֿריינטלעכע אכסניהס ווו כ׳וואָלט געוועזן נישט עלנט

און פענטע מיינע פּיס איך זאָל נישט קאָנען לויפֿן
ווען ס׳וועט מיין בעסטער פֿריינט מיך פֿאַראַטן און
פֿאַרקויפֿן

און ווייַן נישט ווען מען פֿירט מיך, דעם חתן צו דער תליה
אַ גלעזל וויין דעם תלין, אַ דאַנק פֿאַר זיין באַמיונג

און נאָר מיט פֿרישע קוואַלן באַשפּייַז די טרערן דיינע
ווייל ערגער פֿון געוויין איז, ווען מען קען נישט וויינען

דאָס איז דאָס לעצטע וואָרט פֿון אויסוווּרף און פֿון
דיכטער
געהייסן האָט ער פֿראַנסואַ און קיינמאָל נישט געוועזן
ניכטער

אַ ווילער יאַט געווען, געוווינט צו קלעפּ און ליידן
זאָל אים שענקען גאָט אַ ווינקל אין גן עדן

ביים קבר פֿון דיכטער יעקב זאַנשיין

דיכטער שטייען שטענדיק אויף דער וואַך
ס׳זאָלן זיך די שטערן נישט פֿאַרלירן
דיכטער שלאָפֿן נישט ביינאַכט
און שפּילן זיך מיט גראַמען ווי מיט צירינג
דיכטער טרינקען נישט קיין ווײַן
און זענען תמיד שיכור
און שטענדיק פּרוּװן זיי פֿאַרשטיין
וואָס איז דער גרויסער עיקר

און דאָס וואָס קיינער זעט נישט, זעט דער דיכטער
דעם וואָלף דערקאָנט ער און די שטילע שאָף
ער איז דער מליץ פֿון דער וועלט און אויך דער ריכטער
און צאָלט אַ יעדן טאָג דעם שטראָף פֿאַר זיין באַרוף
און דאָרט ווו אַלע זאָגן ״גוט״ זאָגט ער ״שלעכט״
און גרייט איז צו פֿאַרגיסן בלוט לׄמען האמת
און זאָגן אַלע ״ריכטיק״ זאָגט ער ״נישט גערעכט״
ווי מיט אַ פֿאָן ער פֿאָכעט מיט די לירישע פּאָעמעס

דיכטער זענען זאַט פֿון רום און זוכעניש און פּיין
זיי לעבן רייך און שטאַרבן פּונקט ווי יעדער — אָרעם
פֿאַר אַלע דיכטער זאָג איך יזכור ביי אַ בעכער ווײַן
און טראַכט אויס שמעטערלינגען אויף זייערע שטילע
קברים

באַלאַדע וועגן אַ רויז

איינמאָל אין ווינטער האָט צעבליט זיך אַ בלום
אין ווייסן פֿעלד
די בלום האָט פֿאַרלוירן דעם חשבון מסתם
און געציטערט פֿון קעלט

פֿאַרלוירן דעם חשבון
ווי קאָן עס דען זיין

געשען איז אַ נס
די בלום אַזוי רויט איז
זי שיינט אַזוי שיין

און פֿאַרביי איז אַ טאָג
פֿאַרביי אַ מעסלעס
און אַרום ווו עס בליט די פֿאַרכישופֿטע בלום
ווי אַן אינדזל אין שניי
צעטייעט דער פֿראָסט
און ס'ווערט וואַרעם אַרום
אַזוי ווי אין פֿרילינג
אַזוי ווי אין מאַי

אַ ביסל ווייטער פֿון דער בלום
איז קאַלט קאַלט קאַלט
און עס שמייסט ווי אַ תלין דער ווינט

אַ ייִד געגאַנגען אין דורך וואַלד
געטראָגן אויף דער האַנט אַ קינד
דערזען די בליִענדיקע רויז
די שיינע רויז
צעלאַכט זיך דאָס קינד
צעוויינט זיך דער ייִד

און ס'ווערט נעלם די בלום
און דאָס לעבן גייט אויס
און אויס ווערט דאָס ליד
וועגן דער ווונדערלעכער רויז

וואָס האָט קיינמאָל נישט געבליט

ווערבע-לשון

שטייט ביים וועג אַ קאָזע, שאָקלט מיטן בערדל.
פֿאָרט פֿאַרביי אַ רויטער קאָטש מיט אַ גרינעם פֿערדל.
ס׳פֿערד האָט פֿליגל ווי אַ מלאך און צוויי בלויע ברילן.
שאָקלט זיך דער באַלעגאָלע, זאָגט די קאָזע תהילים.
שטייט ביים וועג אַ קרעטשמע — טשאַטשקעס אין די
שויבן.
ס׳האָבן פֿליגל פֿלאַמיק-רויטע דעם בעל-אכסניהס טויבן.
און אין פֿענצטער בליט אַ כלה אין אַ ווייסן שלייער
און דעם חתנס שיכור פּנים רויט איז ווי אַ פֿייער.
וויינט ביים וועג אַ יוזל אויף דעם אַלטן צלם,
ווילֿ דער באַלעגאָלע טרייסטן אים, פֿאַרוויילן.
ווילֿ ער אים דערקוויקן, ווילֿ ער אים דערפֿרייען:
גיסט אָן פֿון דעם פֿלעשל, טרינקט צו אים לחיים.
דורך אַ פֿענצטערל אין הימל קוקט דער בורא עולם,
זעט ער ווי די יידן טאַנצן ביי דעם שיין פֿון מולד.
און דער מולד לאַכט פֿון הימל, פּלאַצט שיעור פֿון
געלעכטער,
נאָר דער באַלעגאָלע טאַנצט נישט, ווייל ר׳איז אַ
געבראָכטער.
שוין פֿאַרביי די חצות, הענער זינגען צו שוין.
ווערבעס שעפּטשען שחרית אויף דעם ווערבע-לשון.
ווער עס גלייבט אין נסים, דער איז ווי אַ דיכטער:
ווערט דער בעכער טרוקן, ווערט דער אומעט ניכטער.

קונצנמאַכערס

אויף די בלויע שליאַכן אונטער הימלען העלע
פֿאָרן קונצנמאַכערס פֿון האָצעפּלאָץ קיין כעלעם

יונגאַטשעס אין גרינע הויזן, זינגענדיקע מיידן
און די הירזשנדיקע פֿערדלעך פֿליען ווי די שדים

טראָגן זיך און יאָגן זיך איין בויד נאָך דער צווייטער
און דער עלטסטער באַלעגאָלע שפּילט אויף אַ
טראָמייטער

און די לצים פֿירן מיט זיך אויסטערלישע זאַכן
אַ קאָלב וואָס קאָן אַ דרשה האַלטן, אַ הינטל וואָס קאָן
לאַכן

אַ טערק וואָס שוואַרץ איז ווי אַ קויל ווייל שטענדיק
שלינגט ער פֿלאַמען
אַ קעמל אָן אַ הויקער, אַ קאָזע וואָס זאָגט גראַמען

אַ ייד וואָס האָט אַ לאַנגע נאָז און אין דער נאָז אַ לענטע
און מיט דעם ייד אַ יידענע, מען רופֿט זי מאַדאַם יענטע

אַ דייטש אין אַ צילענדער און אין צילענדער פֿייגל
ער לערנט זיי אויס נאָטן זינגען און גרינע אייער לייגן

טראָגן זיך און יאָגן זיך איין בויד נאָך דער צווייטער
און דער עלטסטער באַלעגאָלע שפּילט אויף אַ
טראָמייטער

קומען זיי אין שטאָט אַריין, צעשלאָגן דאָרט די צעלטן
ערגערט זיך דער פֿרומער רב, אַז פֿול מיט זינד די
וועלט איז

שטייט די רביצן ביים פֿענצטער, פֿאָכעט מיטן פֿעכער
זעצט אַ היץ פֿון דער לבנה — אַ שריפֿה איבער דעכער

לויפֿן וואַסערטרעגער לעשן ס'אויסטערלישע פֿייער
קושט דעם רבינס זיסע ליפּן די רביצן געטרייע

אויף דעם מילך-וועג גייט אַ צדיק מיט אַ זעקל שטיינער
זעט ער ווי עס ברענט די תאווה, הייבט ער אָן צו וויינען

מאַכן קונצנמאַכערס כישוף, ווערן יונג דעם רבּיס
גלידער —
זיס די נאַכט איז, הייס די נאַכט איז און עס בליט
דער פֿלידער

חופּה-קליידער

שיינע כּלהס נייען חופּה-קליידער אויס פֿײַנעם זייד און
סאַמעט
זיי עסן נישט און טרינקען נישט און וואַרטן אויף חתנים

זיי שלאָפֿן נישט, זיי לעבן נישט, זיי האַלטן אין איין
טרוימען
און זינגען בענקענדיקע לידער ווען ס׳שפּילט דער גריל
אין קוימען

קומען וועט ער ווי אַ וויכער, ווי אַן אָדלער, ווי אַ פֿייער
מחותנים מיט אים — סאַמע פּרינצן, מאַמעניו געטרייע

ערשט געוועזן פּסח, שוין איז ראש השנה
נישט מען זעט אַ חתן, נישט מען הערט שדכנים

נאָך אַ יאָר און נאָך אַ יאָר, ווערן כּלהס פֿרומער
איינע איז שוין אַ יתומה די צווייטע קרענקט אויף אומעט

אויפֿגעננייט שוין אַלע קליידער, זאָגן זיי איצט תהילים
גאָטעניו, אַ חתן וויל איך העלף מיר אים געפֿינען

מעג ער זיין אַ תם, אַ גזלן, גאָטעניו שיק-צו אים
זאָל שוין זיין ווער ס׳איז באַשערט און לאָמיר שרייבן
תּנאים

פֿאַלן איין די שיינע באַקן, ווערט דער צאָפּ אַלץ ווייסער
פֿאַלן אויף די חופּה-קליידער טרערן אוקראָפּ-הייסע

נישט באַשערט קיין נחת דעם טאַטן נישט דער מאַמען
אומעטיקע כלהס ציילן די נדנים

און שדכנים שטאָט צו רעדן גליקלעכע שידוכים
זיפֿצן שווער און הוסטן שווער און האַנדלען מיט
תכריכים

יידישע גראַמען

גוט מאָרגן גראַמען יידישע און זיסע —
מיט בענקשאַפֿט און מיט טרערן איך באַגריס זיי:

די קינדערשע מעשה מיט אַ ציגעלע אַ ווייסע
אַ ציגעלע ביים וויגעלע
ביי יידעלער וואָס האַנדלען
מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען

גראַמען פּראַסטינקע, באַנאַלע גראַמען —
גיט אַ גראַשן, הערן, דאַמען
הויפֿישע באַלאַדעס, בעטלערשע סאָנעטן
שפּילן יידישע קלעזמאָרים, זינגען יידישע פּאָעטן —
ווו זענען זיי?

אויפֿן הויפֿעלע זינגט אַן עופֿהלע
שפּילט אַ יידעלע אויפֿן פֿידעלע

פֿאַר דעם קלעזמער וואַרפֿט אַ גראָשן
איידער ס׳ווערט דער טאָג פֿאַרלאָשן

ס׳האָט דעם בדחנס שאָטן שוין דער שניי פֿאַרשאָטן
די באָבע מיטן זיידן — אין ליכטיקן גן-עדן

ס׳האָט אַ גראָבער קצב די ווייסע ציג געקוילעט
געוועזן איז האַלבע נאַכט
ס׳האָט גראָד געשיינט דער מולד

אויף אַ גרינער לאָנקע האָבן זיך פֿאַרבלאָנקעט
הויפּישע באַלאַדעס
— ווינענדיקע פֿלייטן

כאָטש כ׳בין נישט קיין קלעזמער
וויל איך זיי באַגלייטן

ווען איציק מאַנגער איז געשטאָרבן

ווען איציק מאַנגער איז געוואָרן ניפטר
און צופוס
ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ יידישן דיכטער
געקומען צו די גרינע מויערן
פון גאַליציאַנער גן-עדן
צו די הימלישע טירן
צו די גאָלדענע טויערן
האָט פאַר אים סאַלוטירט אַ וואַך
— איין גענעראַל און אַ סך אָפיצירן
אין בלויע מונדירן —
און גאָטס שר המשקה
האָט אים באַגריסט מיט אַ ברייטן ברוך הבא
און מכבד געווען מיט אַ טראָפּן משקה פון דער פליאַשקע
און איציק האָט זיך צופרידן צעלאַכט
און געזאָגט: „פאַרוואָס דען נישט? אדרבא"

און עס האָבן זיך צעוויינט די שניידער-געזעלן
און סתם גוטע פריינט און באַקאַנטע
אין אַלע הימלען זיבן —
באַגריסט דעם גאַסט פון די היימישע קאַנטן
וואָס האָט וועגן יידישן דאַלעס
וועגן הערצן און דאַמען און אָרעמע כלהס
אַזעלכע שיינע גראַמען געשריבן

און אַלע ציגעלעך ווייסע
פֿון איציק מאַנגערס מעשיות
האָבן אים באַגריסט און באַערט
און די פּאַוועס גאָלדענע האָבן זיך צעזינגען
און אַפּילו גאָט ברוך הוא האָט אַליין געהערט דעם
דאָזיקן קאָנצערט

צדיקים האָבן געשאָקלט מיט די פֿרומע בערד
און די רביצן פֿון איציקס באַלאַדע
איז רויט געוואָרן ווי אַ רויז:
"ער איז שוין ווידער שיכור, אוודאי"
און זי האָט זיך ליידנשאַפֿטלעך צעוויינט
באַנאַל און סענטימענטאַל
און זי האָט פֿאַרזיכערט
אַז זי האָלט עס נישט מער אויס

מלאכים זענען נעבן אים אַרומגעפֿלויגן
און געפֿאָכעט מיט די פֿליגל
און קאָקעטירט מיט די אויגן
און דער עלטסטער מלאך מיט אַ רויטער נאָז
האָט מיט יידע הענט
געלייגט דעם שווערן זיגל
אויף איציקס רייזע-דאָקומענט
און אויסגעשריבן אַ בילעט
ער זאָל אין שענסטן הימלישן פּאַלאַץ אַריין
(און שטילערהייט געפֿרעגט ווי טייער איז דער אָקעוויט

אין סטאָפּטשעט און ווי טייער דער ווײַן
און דער גרויסער שטאָט קאָלאָמיי)

אויך די מלכה פֿון טערקיי
— כאָטש זי איז גראָד געווען שוואַנגער —
איז געקומען אָפּנעמען אַ גרוס
פֿון איר פֿיל געליבטן
וואָס ס׳האָט אים אויסגעטראַכט איציק מאַנגער

און אַפֿילו דער הייליקער פּעטרוס
אין גוישן הימל
האָט געווינקט צום יידישן פּאָעט
פֿון שטעטל סטאָפּטשעט אין פֿראַנץ-יוספֿס מדינה
וווּ ס׳פֿלעגט אַמאָל שמעקן דער קימל
אויף די גרינע לאָנקעס
אויף לאָנקעס גרינע

און איציק — ווי איציק
אומעטיק און וויציק —
ער רייסט אַרויס די שענסטע פֿעדער ווייסע
פֿון אַ מלאכס ווײַדל
און פֿאַרשניצט זי שפּיציק
און נעמט זיך נייע מעשיות
דערציילן און באַשרייבן
פֿון אָרעמען יידישן גן-עדן

רוים

די פֿעסטונג פֿון סאַן-אַנדזשעלאָ איז אַלט
די קנעכטשאַפֿט פֿון מענטש
אונדזער גלות איז עלטער

אויפֿן טורעם: אַ פֿרויען-געשטאַלט
מיט דער שווערד אין די הענט
נישט זי דראָט, נישט זי בענטשט
זי הערשט און געוועלטיקט

קאַלטע טיורמע-ווענט
אין קעלערס קרעכצט דאָס שקלאַפֿישע געביין
און דעם מכשף קאַליאָסטראָ׳ס געפּייניקטע נשמה

אַלץ איז דאָ באַגראָבן: הימל און געוויין
דאָס שווייגן פֿון שטומע
זינד אונטער שטיינער
מיט עבר באַדעקט

פֿון מיינע טויזנט טונקעלע חלומות
האָט זיך אין מיר אַ בייזער חלום דערוועקט
און אויפֿגעוואַכט עס האָט דער אַלטער פּחדן מיינער
פֿון צייטן אַנדערע און אַנדערע מקומות

בין איך אַנטלאָפֿן צום רוּשיקן המון
און ווידער זיך דערפֿילט מוטיקער און פֿרייער

איז גראָד געווען אַ טאָג אַ הייליקער אין רוים
און ס'האָבן גלויביקע געיובלט און געפֿייערט
און ס'האָט דער פּויפּסט געבענטשט
— און מיר צווישן זיי, דעם ייִד —
געווונטשן האָט ער הצלחה

און מיר געבליבן איז אַ קורצע צייט
ווייל כ'בין יאָרהונדערטער שוין אַלט און מיד
איז ווען מקיום ווערן ווען זיינע ברכות?

האָב איך אַ מעשה אים דערציילט
וועגן איציק מאַנגערס טערקיש הימל
און וועגן אַ גאַליציאַנער שטעטל
פֿון לעמבעריק נישט ווייט
וועגן לאָנקעס גרינע
וואָס שמעקן דאָרט מיט קימל

און דאָ געוואָרן איז מיר אויפֿן האַרצן שווער
כ'האָב זיך צעוויינט

האָט ער פֿאַרשטאַנען מיינע טרערן
און צוגעזאָגט מתפּלל זיין
ס'זאָל ביליק זיין דער בראָנפֿן און דער וויין

און ס׳זאָלן נענטער זיין די שטערן
פֿאַר אַלע וואָגלענדיקע דיכטער

גיי איך איצט נישט שיכור און נישט ניכטער
און כ׳זע אַ באָרד אַ חסידיש שוואַרצע
אַ ברייטן קאַפּעליוש אויס סאַמעט
— אַ רב צי אַ מלמד —
און כ׳גלאָץ אויף אים פֿאַרחידושט
און כ׳פֿיל אַ פּיקעניש אין האַרצן

און עס לעבן אויף אין מיר בטלנישע געפֿילן
רבי, זאָג איך, שענק אַ וואָרט אַ יידיש
ווייל ס׳איז מיר רבי, אומעטיק און ביטער

ער צלמט זיך און בעט ביי מיר מחילה:
עסקוזי, זאָגט ער, עבראַיקאָ נאָ קאַפּיטאָ —

ביים טיטוס-בויגן

אין שטיין פֿאַרגליווערט איז די וועלט דאָ
פֿאַרמיידלעכקייט און חורבות פֿון דער צייט
— אַ צווינטער פֿון נצחון און מפּלה

מיט צוויי יאָרטויזנטער כ׳בין עלטער
און ס׳קלינגט אויף מיינע הענט די קייט
און כ׳שטיק זיך מיט דער קללה

ביים טריומפֿאַלן טיטוס-בויגן
אַזויפֿיל מאָל געווען געטריבן
אין אַלע דורות אויפֿאסניי

האָט ווער אַ טרייסט פֿאַר מיינע אויגן
מיט יידיש כתב דאָ אויסגעשריבן
„עם ישראל חי״ —

משה רבנו אין רוים

זיי געגריסט, משה רבנו
אין דער קאַלטער קירכע פֿון סאַן פּיעטראָ.

כ׳האָב געזען זיינע קרעפּטיקע גלידער
איך — דער פּוילישער ייד
פֿון מיין וואָגלעניש און פּוילישקייט אַ מידער

דעם טריבן בין השמשות פֿון די מויערן
געמילדערט האָבן זיינע ליפּן:
כמעט אַ שמייכל

אין בליק אַ זעאונג
וואָס דרינגט אַדורך דאָס אייזן פֿון די טויערן
און גרייכט אַהין
ווו ס׳וועט זיין גוף שוין נישט דערגרייכן.

אַ פֿרעמדער דאָ
ווי איך בין דאָ אַ פֿרעמדער —
אַנטלויפֿן לאָמיר ביים שיין פֿון דער לבנה:
ס׳איז אַלץ דאָך שוין אַמאָל געווען
קריעת ים-סוף
גרענעצן פֿון לענדער
געלע לאַטעס
קאַלער-אויוונס און סכנות.

ביסט אַלט
לען אַן זיך אויף מיין אַקסל
און שענק אַן אָנלען מיר אין וואָגל —
ס׳איז דאָס בית-עולם אין בערדיטשעוו
מיט ווילדע קרייטעכצער פֿאַרוואָקסן
און ס׳האָט די זריעה אונדזערע
אויסגעדראָשן דאָרט דער האָגל.

פֿאַרביי דער אָוונט
די נאַכט פֿאַלט צו שוין
אויף וועמען וואַרטן מיר נאָך, נביא ?

אַ גלח קומט און דאַוונט שטיל
אויף זיין גלחיש לשון
און ביי דעם טיטוס-טויער
שלעפּט זיך אַלץ נאָך אונדזער גלות.

גייען מיר דורך רוים און צייט
און זוכן טרייסט אין אַלטן טרויער
און ס׳ווינקט אויף אונדז אַ ווילנער באַלעגאָלע :
פֿאַזשאַלויסטאַ, רבותי,
צום מילך-וועג איז נישט ווייט
לאָמיר פֿאָרן —

צו דער טאָכטער

כ׳האָב אָנגעצינדן אַלע ליכט אין אַלע צימערן און אָ-
וועקגעשטעלט לאַכנדיקע בלומען זאַפּטיקע, פֿול מיט
גרינער און מיט רויטער פֿרייד.

און אויף מיין שרייבטיש — נאַטיורמאָרטן, זאָרגעוודיק
צוגעטראַכטע: ברויט און מילך, מאַראַנצן צוויי, אַ צוויי-
גל טרויבן און אַ יידיש ספֿרל פֿון מיין מאַמעס אוצר —
אַ מתנה.

אין פֿענצטער: צוויי דריי שטערן און אַ בייגעלע לבנה
און דער ריח פֿון סאָד, ווען אַזוי פֿריי סע אָטעמען
די ביימער — אַלץ פֿאַר דיר.

נאָר עפּעס פֿעלט נאָך דאָ דעם אומעט צו פֿאַרוויגן: דעם
זיידנס ניגון, דאָס אַלטע לידל פֿון דיין באָבען, ווען
קינדעריאָרן בלאָנדע, וואָס ווי אַ חלום זענען זיי פֿאַר-
פֿלויגן.

נו, גוט, מעג זיין מוזיק פֿון דיין פוילישן רעפּערטואַר:
האָב איך געעפֿנט דעם פֿאָרטעפּיאַן און צוגעגרייט די
נאָטן, און אויף די ווייס כ׳האָב געזען די לאַנקעס גרינע
און שמעטערלינגען וואָס שוועבן אונטער דיינע פֿינגער.

און געהערט האָב איך דערבײַ שאָפּענס מאַזורקע און
דײַן געלעכטער וואָס האָט זיך צעזונגען. און עמעץ האָט
געוויינט.

האָב איך צוגעמאַכט די אויגן, זיך באַהאַלטן פֿאַר דעם
שימער פֿון די הענג-לײַכטערס.

קילע הענט אויף מײַנע ליפּן, דײַנע הענט. אַ בלינדער,
כ׳זוך דײַן אָטעם אין ענגשאַפּט פֿון המון. דעם ריח פֿון
דײַנע האָר.

שווײַגסט. באַמי זיך נישט. כ׳פֿאַרשטיי דײַן שווײַגן. אַ
דאַנק דיר, שיינע. ביסט געקומען.

פֿליסטערט ער דעם נאָמען אירן און זוכט צו אים אַ
גראַם, אַן אַסאָנאַנס, און קושט איר האַנט, די פֿינגער
אירע טאַנצן אויף די ווײַסע בײַנדלעך פֿון דעם פֿאָרטע-
פּיאַן און ס׳קלאַפּט זײַן האַרץ ווי הערצער צוויי. אַ פּויקנ-
דיקע באַגלייטונג צום קאָנצערט.

נאָר ס׳פּעלט דער ווירטואָז.
ס׳איז אַלץ אַ ליגנט: אַלע לײַכטערס זילבערנע, אַלע
צימערן באַצירטע, אַלע בלומען.

לעש אויס די לבנה — דעם לאָמפּ אויף דעם פֿאַר-
שטויבטן שרײַבטיש. ס׳איז קיינער נישט געקומען.

כ׳פֿאַרלאָז דיך, ערד — עס האָט מײַן כבוד מיך פֿון דיר
פֿאַרטריבן —
דעם הימל, וואָס כ׳האָב אין אים אַזויפֿיל מאָל געזוכט
בטחון,
דעם טײַך — אויף זײַנע כוואַליעס כ׳האָב דעם ערשטן
פֿערז פֿאַרשריבן,
דאָס גרינע בערגל וווּ כ׳פֿלעג די שפּורן פֿון מײַן עבר
זוכן
אין די חרובע מצבֿות אויף דעם אַלטן בית-הקבֿרים,
דעם ווינט — ער פֿליסטערט דאָרט ביז הײַנט
קאַפּיטלעך תּהילים
און טראָגט פֿאַרשעמטע בלעטלעך פֿון מײַן טאַטנס
ספֿרים
און פֿאַרמעטלעך פֿאַרבלוטיקטע פֿון זײַנע תּפֿילין.

ווי קאָן איך אונדזער שטאָט, מײַן הייליק שטעטעלע
פֿאַרגעסן,
אַז ס׳קלינגט נאָך איצטער איבער אים אַ בת-קול פֿון
כּל-נדרי —
די אויסגעברענטע ווענט פֿון בית-המדרש אין געסל:
אַ מאָנומענט פֿון צער אינמיטן טויטן מידבר.
באַהערש ס׳געוויין. פֿאַרבײַט אויף שווײַגעניש די קללה,
ווײַל אויב דו שעלטסט די ערד, ווּ זאָל די קללה פֿאַלן?

עס זענען דאָך מיט אונדזער בלוט געהייליקט אַלע וועגן
פֿונעם גלות
און זידן וועלן לאַנג נאָך דאָרט די טרערן יידישע אין
אַלע קוואַלן.

מיידאַנעקס פֿיאַלקעס, מאַרגאַריטקעס אויף די אַשן
מיינע —
אין געסלעך וואַרשעווער: אַבלדיקע שאָטנס פֿון די
מכבאים,
דראָטן פֿון אָשוויענטשים און אין קעלץ די שטיינער —
וואָס איז די ערד דען שולדיק, אַז ס׳הערשן דאָ שאַקאַלן,
קראָען
און אַז אומשטערבלעך זענען דאָ די פֿינצטערע
געשפענסטער,
אַז ס׳שפּייט מיט סם דער ליגנער, מערדער און
באַטריגער —
פּאַרהאַק די טיר, צום לעצטן מאָל פֿאַרמאַך דאָס
פֿענצטער.
פֿאַרשפּילט? באַזיגט? און ווער איז דאָ דער זיגער?

דער מאַמעס וויגליד און דער קדיש נישט דערזאָגטער,
מיין ליבשאַפֿט און מיין צאָרן, טוי און ווערבעס,
שאָפֿענס אומעט
וואָס אַ טונקלע כמאַרע טרייבט און יאָגט אים:
דאָס וואָס כ׳לאָז דאָ איבער. דאָס וואָס כ׳נעם אויף
תמיד.

אינהאַלט

1946	5
דער יורש	7
ביי דער אַלטער ווינטמיל	9
וויטעבסקער רויזן	11
אין אַ ווייטער שטאָט	12
אַ בלויער חלום	14
ווינטערדיקער אָוונט	17
מאַמעניו, מאַמעשי, מאַמע	18
אַ טאָג אַזאַ	19
אַ גרוס	20
די בלום	21
דערוואַכונג	22
האַרבסט	24
פאַראַן אַזאַ קלאַנג	26
רעגן	27
דאָרפּישקייט	28
לאָז אָפֿן די טיר	30
פֿאַרגעסענע קברים	31
בראָדיאַגעס	32
פּערזן	34
געשריבן אין האַרבסט	35
אין רעגן	36
קלוגע יידן	37
האַרץ	38

די פּען 39

אַ שטייג מיט גראַמען 41

באַלאַדע וועגן מיין זיידן אויף דער עלטער 42

דעם זיידנס מצבה 44

און ווען איך וועל שוין מוזן 47

געפֿאַר 48

דאָרטן 49

מאַלעריי 50

אויף דאָס ניי 52

נעם מיך אָן 53

אומרו 54

דערפֿאַרונג מיט אַ פֿראַגעצייכן 55

אין דעמערונג 58

ביים ברעג 60

ווען אַ ליד 61

ביים סמבטיון 63

און איך האָב געמיינט 64

מצבות 66

שטימונג 67

בעטלערס אין געסל 68

פֿראַנסואַ וויאָן 70

ביים קבר פֿון דיכטער יעקב זאָנשיין 71

באַלאַדע וועגן אַ רויז 72

ווערבע-לשון 74

קונצנמאַכערס 75

חופּה-קליידער 77

יידישע גראַמען	79
ווען איציק מאַנגער איז געשטאָרבן	81
רוים	84
ביים טיטוס-בויגן	87
משה רבנו אין רוים	88
צו דער טאָכטער	90
געזעגענונג	92

פֿון זעלבן מחבר

מות הארכיבר, תרגום: שולמית הראבן, הוצאת הקיבוץ המאוחד, תשל"ב

בית-הקפה המכושף, הוצאת הקיבוץ המאוחד, תשל"ג

אליינקייט, דערציילונגען, ירושלים 1977

הזדהות, הוצאת "אַלף" תשל"ט